בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין...

פ' וירא
תשע"א

## ✪די געצעלט מיט די פיר טירן



די וואך אין פ' וירא לערנען מיר וועגן די געצעלט פון אברהם אבינו. ב"ה אז די וועטער האט די וואך פיין מיטגעשפילט, און מיר זענען ארויס געגאנגען אויפן גאס אין הויף פון תלמוד תורה, דארט איז געווען אויפגעשטעלט א געצעלט פון פיר טירן אונטער א בוים. אנגעגרייט איז געווען א טיש מיט דריי בענקעלעך פאר די דריי מלאכים. עס איז אפי' געווען דארטן פוטטער, מילך, און צינג פלייש ארויף געשמירט מיט געלע אוסטערט....



מיר האבן אפגעציילט אלע פיר טירן און מיר זענען אריין אין דעם געצעלט, דארטן האט מיין רבי אונז דערציילט די שיינע סדרה, און פאר מיר זענען ארויס פונעם געצעלט האבן מיר באקומען א הערליכע פיינע "צידה לדרך" פעקעלע פון די געצעלט פון אברהם אבינו. (א גרויסע יישר כח פאר אלע קינדער פון ר' גרינוואלד און ר' קרויס'ס חדר וואס האבן זייער שווער געארבעט צומאכן די פעקעלעך)

## ✪מצות ביקור חולים

(פאר די גרעסערע קינדער) מיטוואך ווען מיר זענען איין אין לאנט"ש רו"ם האבן מיר קודם געהערט פון וירא פארוואס דער אייבירשטער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו. מיר הערן וועגן די גרויסע מצוה פון ביקור חולים, וויאזוי מ'דארף באזוכן א מענטש וואס פילט נישט גוט און אים פרעגן וויאזוי ער שפירט זיך און מ'דארף אים וואונטשן א רפואה שלימה. מיר האבן דאן אנגערופן א אינגעלע וואס הייסט משה'לע פליישמאן נ"י וואס ער פילט זיך נישט אזוי גוט די פאר טאג, און מיר האבן אים געפרעגט וויאזוי ער שפירט זיך? ער האט אונז דערציילט אז ער האט א באבא און ער קען נישט קומען אין חדר. האבן מיר אלע צוזאמען הויעך אים געוואונשטן א רפואה שלימה דו זאלסט זיין געזונט און שטארק און שנעלער צוריק קומען אין חדר...



## ✪אברהם אבינו מיט די דריי מלאכים

נאכדעם האבן מיר געזעהן א אינגעלע - אברהם אלי' פרידריך נ"י - וואס איז געזעסן אויף א בענקל און געווארט פאר געסט אזוי ווי אברהם אבינו, אבער קיינער איז נישט געקומען. מיר ווייסן אוודאי פארוואס? (זעהט אנדערע זייט)

נאכדעם האבן מיר געזען דריי אינגעלעך פארשטעלט ווי די דריי מלאכים. צום ערשט איז געקומען א אינגעלע - בערעלע היימליך נ"י - ער האט געוואלט זיין די אראבער. נאכדעם איז געקומען א אינגעלע - יואל גוטמאן נ"י - ער האט געוואלט זיין די פרוכט סטאר מענטש, און צום לעצט איז געקומען א אינגעלע - שמואל משה מענדלאוויטש - און ער איז געווען די שיף קאפיטאן. מיר האבן זייער הנאה געהאט ווען זיי האבן אלע געוויזן וואס זיי זענען און וואס זיי טוען...

## ✪די שלעכטע מענטשן פון סדום

זייער דרמאטיש האבן מיר געהערט וויאזוי המלמד החשוב מו"ה האט אונז אראפ געלייגט די מעשה פון די ארימע מענטש וואס האט געבעטן עסן און קיינער האט אים נישט אריין געלאזט קיין געסט, (הערשי פעקעטע שרייט אריין אז זיי האבן אפי' געשיקט זייער דאגי צו די טיר...) און וואס די שלעכטע מענשטן פון סדום האבן געטוהן צו איר, און פארדעם האט מען איבערגעדרייט די שטאט סדום. שמואל צבי וויטריאל האט אונז זייער זיס געוויזן וויאזוי מ'ווערט איבערדרייט קאפ אראפ און פיס ארויף....

## ✪מזל טוב פון די וואך

הנהלת הקינדערגארטן
וואונטשט א הערצליכן מזל טוב
פאר המלמד החשוב
מו"ה **אלי' ראטה** שליט"א
צום געבורט פון אן אייניקל
דער באשעפער זאל אים שענקן צו דערלעבן פיהל
נחת דקדושה מיט הרחבת הדעת עמו"ש

## ✪מעסעדש פון די וואך

פריידיגע מעלדונג!!! די אלע קינדערלעך וואס נעמען טעראפי דורך די וואך, האט מען ב"ה מסדר געווען מיט די הנהלה פון סקול אז יעדן מיטוואך זאלן די קינדער אנקומען גענוג צייטליך צו קענען מיטהאלטן די וואכעדיגע פראגראם. א ספעציעלן דאנק פאר מו"ה אברהם וואלף פאלאטשעק הי"ו וואס האט דאס אזוי שנעל מסדר געווען צו יעדנ'ס צופרידענהייט.

# זיסע חכמה'לעך

✪

ווען דער רבי האט דערציילט אז אברהם אבינו האט זייער ליב געהאט צו מאכן הכנסת אורחים, רופט זיך אן **אשר לעמל בערגער** נ"י "מיין טאטע מאכט אויך הכנסת אורחים, ער האט אריין גענומען איינעם אין זיין קאר"...

✪

דער רבי האט געפערגט א אינגל וויאזוי האט געהייסן אברהם אבינו'ס טאטע? רופט ער זיך אן "תרח בת אשר"...

✪

**הערשי ט"ב** קומט ארויס יעדע נאכט פון בעט ווייל ער האט מורא. ווען מ'פרעגט אים פון וועם? זאגט ער "פון דעם הייליגן באשעפער"....

✪

**מענדי פאסטערנאק** האט מורא געהאט צו זיין אין זיין גרויסע שוועסטער'ס בעט, האט אים זיין שוועסטער געזאגט: דארפסט נישט מורא האבן, ווייל מלאך גבריא' און מיכא' און רפא' וואטשן אויף דיר. זאגט ער "איך האב זיי נישט ליב, זיי פאטשקענען אין די טעלערס... מיין רבי האט געזאגט אז זיי ווילן נישט עסן"....

✪

ווען מ'האט געפרעגט פון **אברהם וואלף סטרולאוויטש** די נח שאלות, וואס איז געווען אויף יעדע שטאק? האט ער גענטפערט, "אונטן די גארביטש, אינמיטן די חיות, אויף די דריטע די "מצוה קינדער", און אויבן די טויבעלע"...

✪

מ'האט געפרעגט **ליפא ווייס**. וואו וואוינט רבי טויב? האט ער געזאגט. עה, מיין רבי האט נישט א הויז, ער וואוינט אין זיין חדר"...

✪

דער רבי האט דערציילט די סדרה אז קיינער איז נישט געווען אויף די גאס ווייל עס איז געווען זייער הייס, און מ'קען נישט ארויס גיין אויפן גאס, רופט זיך **משה'לע קויפמאן** "מ'קען ארויס גיין מיט א ברעיק-אייסעס"... זאגט די רבי אז אפי' אזוי קען מען נישט ארויס גיין ווייל ס'איז נאך אלס צו הייס, טענה'ט משה אז "מקען נעמען א גרויסע ברעיק–אייסיס"...

✪

**שלום'ס** מאמע האט געהאט א אינגל בעבי, זאגט ער "אה! ס'גייט זיין א בליץ (ברית) און מ'גייט האבן פעקעלעך"...